3 אַליין קען ער נישט העלפֿן. דער משיח, דער קעניג
פֿון ישׂראל! זאָל ער איצט אַראָפּשטייגן פֿון
בּוים (שמואל יוסף), כּדי מיר זאָלן זען און גלייבן! אויך די,
וואָס זענען געקרייציקט געוואָרן מיט אים, האָבן
אים מבֿזה געווען.
3. און ווען די זעקסטע שעה איז געקומען, איז
געוואָרן אַ חשכה איבּערן גאַנצן לאַנד בּיז דער
3. ניינטער שעה. און אין דער ניינטער שעה האָט
ישוע אַ געשריי געטון מיט אַ הויך קול: אלהי
אלהי למה שבקתני? פֿאַרטייטשט הייסט עס: ג־ט
מיינער, ג־ט מיינער, פֿאַרוואָס האָסטו מיך פֿאַרלאָזן?
35 (תהלים כב, א) און אייניקע פֿון די, וואָס זענען
געשטאַנען דערבּיי, האָבן עס געהערט, און האָבן
36 געזאָגט: זע, ער רופֿט אליהון. און איינער איז
געלאָפֿן, און האָט אָנגעפּילט אַ שוואָם מיט עסיק,
און די אַרויפֿגעזעצט אויף אַ שטעקן, און אים
געגעבּן צו טרינקען, (תהלים סט, כב) אַזוי צו
זאָגן: לאָזט; מיר ווילן זען אויב אליהו וועט
37 קומען, כּדי אים אַראָפּצונעמען! ישוע אָבער
האָט אַרויסגעלאָזט אַ הויך געשריי, און אָפּגע־
38 געבּן דעם גייסט. און דאָס פּרוכת פֿון היכל האָט
39 זיך צעריסן אין צווייען, פֿון אויבּן בּיז אַראָפּ. און
ווי דער אָפֿיציר, וועלכער איז געשטאַנען אַנטקעגנ־
איבּער אים, האָט געזען, אַז ער האָט אָט אַזוי
אָפּגעגעבּן דעם גייסט, האָט ער געזאָגט: דער
דאָזיקער מענטש איז בּאמת געווען ג־טס זון!
40 און עס זענען אויך געווען פֿרויען, וואָס האָבּן זיך
צוגעקוקט פֿונדערווייטנס, צווישן זיי מרים פֿון
מגדלה, און מרים, די מוטער פֿון יעקב הקטן און
41 פֿון יוסי, און שלומית; וועלכע האָבּן אים נאָכגע־
פֿאָלגט, ווען ער איז נאָך געווען אין גליל, און